# מאמר התחזקות

א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, אויף שמירת עינים

שנה ט • גליון 153 • חג הסוכות • שנת תשפ"ו

טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

פטרון טהור עינים
חודש תשרי
הרבני הנגיד
מוה"ר אברהם יהושע הכהן גלאנץ הי"ו




א

## וּשְׂמַחְתֶּם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם: אפהיטן די אויגן מיט א שמחה'דיגע דערהויבנקייט

### מיר זענען דאך אזוי גליקליך!

אט טרעטן מיר ב"ה אריין אין דעם זמן שמחתינו, וואס דער גאנצער יום טוב איז באזירט אויף דעם געוואלדיגן חיוב פון זיך פרייען בשמחה של מצוה, ווי דער הייליגער **רמב"ם** שרייבט א זעלטענער לשון אין הלכות סוכה ולולב (פ"ח הט"ו): **השמחה שישמח אדם בעשיית המצוה ובאהבת הקל שצוה בהן. עבודה גדולה היא!**

איז דאך אלזא א ריכטיגער 'זמן גרמא' צו אויסשמועסן דעם גרויסן יסוד וואס אלע **ספרים הק'** זענען אזויפיל מאריך דערוועגן, איבער דאס וויכטיגקייט פון **שפירן און לעבן מיט א שמחה** יעדעס מאל ווען מ'איז זוכה צו מאכן אפילו דאס מינדסטע התגברות היצר, וואס **דאס איז פון די בעסטע עצות ותחבולות** וויאזוי צו געווינען דעם יצר הרע.

א איד דארף פשוט זיין אויפגערוימט און ארומגענומען מיט א דערהויבענע שמחה של מצוה, אז ער איז זוכה צו היטן זיינע אויגן! ער דארף שפירן ביי זיך **גליקליך און פרייליך מיט דעם עצם פאקט**, אז ער האט די זכיה צו לעבן מיט שמירת עינים און ערפילן דעם רצון ה'. א קלייניגקייט? דער רבש"ע האט אונז דאך געשאנקען אזא מורא'דיגע מתנה, צו האלטן די אויגן הייליג. מיט דעם האט ער אונז דערהויבן איבער אלע פעלקער און העכער פון אלע פוסטע הבלי עולם הזה, צו זיין פאר אים אן עם סגולה און א גוי קדוש - אשרינו, מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו!

### שמחה – דער וויכטיגסטער וואפן קעגן דעם יצר הרע

היטן די אויגן 'מיט שמחה' איז אייגנטליך ווי א גאראנטיע צו מצליח זיין בעז"ה אין דער עבודה, ווייל ווען שמירת עינים איז א שווערער עול אויף איינעם, ער שפירט נישט גליקליך יעדעס מאל ער זיך מתגבר, **פארלירט ער דעם חשק און מוט זיך צו שטארקן אויף זיינע שוועריגקייטן.**

פארקערט אבער, ווען א איד איז יא בשמחה פון זיין עבודה, ער לעבט מיט דער ריכטיגער

> **א איד דארף פשוט זיין אויפגערוימט און ארומגענומען מיט א דערהויבענע שמחה של מצוה, אז ער איז זוכה צו היטן זיינע אויגן! ער דארף שפירן ביי זיך גליקליך און פרייליך מיט דעם עצם פאקט, אז ער האט די זכיה צו לעבן מיט שמירת עינים און ערפילן דעם רצון ה'.**

**נייע קאלום**




שואל? מדעת

א פלאטפארמע צו אנפרעגן יעדע שאלה אין שמירת עינים

עמוד 6

**לכבוד חג הסוכות**



בְּצֵאת הַשָּׁנָה בְּאָסְפְּךָ אֶת מַעֲשֶׂיךָ

א קורצע איבערבליק אויף שנת תשפ"ה

עמוד 8

**זכות הדפסת הגליון**

נתנדב לעי"נ
הרה"ח ר' אורי ב"ר אביעזר מרדכי ז"ל שווארץ

זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מדי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב. אמן.



הכרה און מיט א שטענדיגע שמחה של מצוה, **גיבט דאס אים גאר שטארקע כוחות און מוט** זיך צו האלטן שטארק קעגן די נסיונות און אנגיין מיט דער הייליגער ארבעט.

## זיך באוואפענען מיט א גוטע גיסטע

דער הייליגער **בעל התניא** איז דאס מסביר מיט א משל[א]: ווען צוויי גיבורים שלאגן זיך אין א פארמעסט ווער ס'קען באזיגן דעם צווייטן, אויב וועט איינער פון זיי זיין אומעטיג און נאכגעלאזט וועט ער אן קיין צווייפל פארלירן דעם קאמף און ארויסגיין א באזיגטער, וויבאלד ער פארמאגט נישט די גייסטיגע כוחות זיך צו קריגן מיט'ן צד שכנגד. אבער **אויב ער איז אויפגעלייגט, אין א גוטער גיסטע, וועט דאס אים געבן כח** זיך צו פלייסן קעגן דעם אנדערן, און אזוי ארום וועט ער קענען מנצח זיין.

"דאס זעלבע איז מיט דער מלחמת היצר", שרייבט דער הייליגער תניא. "ס'איז נישט מעגליך צו געווינען דעם יצר הרע אויב איז מען בעצבות, בלויז דורך שמחה, זריזות, און פתיחת הלב קען מען אים באזיגן"[ב].

'שמירת עינים' איז דאך אן אנגייענדע מלחמה אויפ'ן גאנצן לעבן. ס'איז א געראנגל וואו דער צד שכנגד לייגט נישט אראפ די געווער און קעמפט מיט אלע כוחות, ער שיקט אונטער נסיונות אלץ און איבעראל, אויב אזוי **דארף א איד אודאי זיך באוואפענען מיט שמחה** און זיך אנקליידן מיט א פרייליכן געשמאק, נאר אזוי וועט ער זיין גרייט מיט די ריכטיגע כלים אפצושלאגן דעם שונא און ארויסגיין א זיגער אינעם קאמף.

ב

# וַאֲנִי בְּעוֹדִי אֲהַלְלָה בּוֹרְאִי: מחשיב זיין יעדע קליינע נקודה פון שמירת עינים

## הייליגע יסודות פון הרה"ק בעל בית אהרן מקארלין זי"ע

כדי צו טאקע קענען דערגרייכן די אמת'ע שמחה וואס פעלט זיך אויס, איז זייער וויכטיג אז דער מענטש זאל אנהויבן **מחשיב זיין די עבודה וואס ער טוט**, ער זאל ריכטיג אפשאצן דאס ווערד פון יעדן קלייניקייט וואס

'שמירת עינים' איז דאך אן אנגייענדע מלחמה אויפ'ן גאנצן לעבן. ס'איז א געראנגל וואו דער צד שכנגד לייגט נישט אראפ די געווער און קעמפט מיט אלע כוחות, ער שיקט אונטער נסיונות אלץ און איבעראל, אויב אזוי דארף א איד אודאי זיך באוואפענען מיט שמחה און זיך אנקליידן מיט א פרייליכן געשמאק, נאר אזוי וועט ער זיין גרייט מיט די ריכטיגע כלים אפצושלאגן דעם שונא און ארויסגיין א זיגער אינעם קאמף.

ער שטארקט זיך צו היטן די אויגן. ווייל דאס איז איינער פון די דרכים פונעם יצר, ארייבצוברענגען אינעם מענטש א געפיל אז זיין עבודה איז נישט חשוב און ס'פארמאגט בכלל נישט קיין שוויות מיט וואס ער זאל זיך קענען פרייען.

ס'ווערט דערציילט אויף הרה"ק בעל **בית אהרן מקארלין** זצ"ל, אז אמאל שמועסנדיג מיט זיינע געהויבענע תלמידים איבער דעם אז מ'דארף מחשיב זיין יעדע מינדסטע זאך וואס מ'טוט פאר'ן רבש"ע און אז דאס איז דער וועג ווי אזוי מ'קען שטייגן אין עבודת ה', האט ער זיך בתוך דבריו געגעבן א רוף אן:

***וואס איז [דען] דער חידוש אז יונגעלייט גייען נישט העכער? ווייל זיי זענען נישט מחשיב קיין עובדא! מיר, אז מ'קומט צוריק פון וועג בלי מכשול, געבן מיר א קלאפ מיט'ן פינגער, און מיר שפילן אויף א זמר 'הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו'[ג]!***

לויט אן אנדערע גירסא האט דער הייליגער בית אהרן געזאגט:

***מיר, אז מיר גייען ארויס אין גאס און מיר זעען א גוֹיָה מיט די פאסטלעס (שטריק-שיך), איז מיאוס צו קוקן אויף איר, און מיר היטן זיך די אויגן און מיר געבן נישט קיין קוק. און אז מיר קומען אהיים געבן מיר א קלאפ מיט'ן פינגער: 'הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו'[ד]!***

## טאנצן פאר שמחה אפילו אויב ס'איז א קלייניגקייט

דער צדיק האט מיט די ווערטער געלערנט זיינע תלמידים דאס וויכטיגקייט פון מחשיב זיין יעדע נקודה ביי שמירת עינים, ווי שטארק א איד דארף זיך פרייען ווען ער קומט אהיים פון וועג און ער איז נישט נכשל געווארן מיט קיין ראיה אסורה, **אזש ער זאל ממש דאנקען און לויבן דעם רבש"ע דערויף!**

אין די ווערטער פונעם בית אהרן ליגט נאך א געוואלדיגער לימוד: אפילו אויב דאס איז צומאל א קלייניקייט, **דארף מען אבער מאכן אן עסק** און מחשיב זיין **יעדע קלייניגקייט** וואס מ'טוט אין עבודת ה', און דאס איז דער וועג ווי אזוי א מענטש קען שטייגן און גיין העכער! כל שכן אויב א איד פלאגט זיך באמת אין שמירת עינים, ער גייט אריבער נסיונות אין דעם, איז דאך **אוודאי און אוודאי אז ער דארף דאנקען און לויבן דעם רבש"ע** יעדעס מאל וואס ער איז זוכה זיך מתגבר צו זיין אויף זיין יצר הרע און שאפן א נחת רוח פאר'ן הייליגן באשעפער.

## וויפיל מער מגושם, אלץ גרעסער די שמחה

אז מ'טראכט אריין א מינוט, זעט מען עד היכן הדברים מגיעין. דער הייליגער בית אהרן, דער קודש הקדשים, איז געווען רחוק, רחוק פון יעדער עבירה, און די אלע הבלים האבן ביי אים נישט פארנומען קיין שום מקום. דאך האט אים א פשוט'ע אריבערגיין די גאס מיט שמירת עינים גורם געווען אזא שמחה, אז ווען ער איז אנגעקומען אהיים האט ער געזונגען און געלויבט דעם רבש"ע "הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו" - איך דאנק דיר, באשעפער, וואס איך האב זוכה געווען צו היטן מיינע אויגן, איך בין אריבער די גאס בשלום!

כל שכן ווען מ'רעדט פון פשוט'ע מענטשן, וואס דארפן זיך שלאגן אינערליך צו היטן די אויגן גייענדיג אין גאס, **איז זיכער אז מ'דארף אויסטערליש מחשיב זיין יעדע נקודה וואס מ'טוט אין שמירת עינים.** א איד דארף אהיימקומען מיט א הארץ וואס איז ממש איבערגעפולט פון שמחה און פרייד, שפירנדיג א דערהויבנקייט און א גליקליכקייט אז זיין וועג איז ב"ה אריבער בשלום, און ער האט געהאט די זכיה צו בלייבן מיט ריינע אויגן אן קיין מכשולות!

## "איך בין מקנא אייער עבודה!"

נאך א מורא'דיגן סיפור וואס צייגט ווי ווייט א איד דארף מחשיב זיין די עבודה וואס ער האט אין שמירת עינים האט פארציילט דער **באבובער רב** הרה"ק **רבי שלמה** זצ"ל[ה], אז ווען זיין פאטער, הרה"ק **רבי בן ציון באבובער** זצ"ל, איז געווען א יונגערמאן איז ער אמאל געשטאנען אויף דער גאס און געשמועסט מיט זיינס א קרוב. אינמיטן איז דורכגעגאנגען נעבן זיי א פרוי, האבן זיי

א) ליקוטי אמרים (פרק כ"ו).

ב) זה לשון התניא: "צריך לאודעי כלל גדול, כי כמו שנצחון לנצח דבר גשמי, כגון שני אנשים המתאבקים זה עם זה להפיל זה את זה, הנה אם האחד הוא בעצלות וכבדות ינוצח בקל ויפול גם אם הוא גבור יותר מחבירו, ככה ממש בנצחון היצר, אי אפשר לנצחו בעצלות וכבדות הנמשכות מעצבות וטמטום הלב כאבן, כי אם בזריזות הנמשכת משמחה ופתיחת הלב וטהרתו מכל נדנוד דאגה ועצב בעולם", עכ"ל ועיי"ש עוד.

ג) פרי ישע אהרן עמ' רפז.

ד) קדושת עינים פט"ו אות שצח, מפי הגה"ח ר' חיים אשר לעדערמאן זצ"ל, מחסידי קארלין. וכתב שהאדמו"ר רבי משה מרדכי מלעלוב זצ"ל אמר לו שידפוס גירסא זו, כי היא מוסמכת ביותר.

ה) שבח אהובים, פרק יראת שמים, ענף שמירת עינים.

# וְהָיִיתָ אַךְ שָׂמֵחַ

**א איד דארף אבער טוישן זיין בליק איבער די אלע נסיונות וואס ער האט. די אלע שוועריגקייטן דארפן ווערן באגלייט מיט אן אינערליכער שמחה של מצוה, אז מ'האט די זכיה צו זיין א סאלדאט אויפ'ן פראנט און ערפילן דעם תפקיד אויף וואס מען איז דא אויף דער וועלט, און דורכדעם איינקויפן צענדליגע און הונדערטער מצוות טאג טעגליך.**

שנעל אוועקגעדרייט דעם פנים צו דער אנדערער זייט און געגעבן א שפיי[ו].

פונקט דעמאלטס איז אריבערגעגאנגען אויף יענעם פלאץ הרה"ק **רבי משה'לע ראזוואדובער זצ"ל**, דער באבובער רב'ס פעטער, און זעענדיג וואס זיי האבן געטון האט ער זיך אנגערופן צו זיי מיט צופרידנהייט: **"יונגעלייט, איר האט נאך אזעלכע עבודות, מיר האבן שוין לאנג נישט אזעלכע עבודות!"** מיינענדיג צו זאגן אז זיי האבן נאך די זכיה עוסק צו זיין אין דער הייליגער עבודה זיך צו מתגבר זיין אין די ענינים, ער האט דאס שוין נישט.

הרה"ק רבי **יענקעלע מפשעווארסק** זצ"ל האט דערציילט די זעלבע מעשה מיט אן אנדערן נוסח[ז]: איינער פון די קינדער פון הרה"ק ר' משה'לע ראזוואדובער איז אמאל געשטאנען ביים פענסטער, און ער האט באמערקט א נישט אידישע פרוי אריבערגיין די גאס, האט ער תיכף אוועקגעקוקט און געגעבן א שפיי. ווען זיין טאטע האט דאס געזען, האט ער אים געפרעגט, "פארוואס האסטו געשפיגן?" האט ער געענטפערט, "ווייל איך האב געזען פון פענסטער וואס מ'דארף נישט". האט זיך דער הייליגער ראזוואדובער אנגערופן: **"איך בין אייך מקנא אז איר האט נאך די עבודה!"**

די מעשה ווייזט אונז ווידער, ווי שטארק מיר דארפן מחשיב זיין די עבודה פון זיך מתגבר זיין אויף די נסיונות, **בפרט אין די יונגע יארן ווען מ'האט נאך די רתיחת הדמים** און ס'איז שווערער בייצוקומען דעם יצר הרע, וואס ווען מ'איז זיך דעמאלטס מתגבר איז דאס א געוואלדיגער נחת רוח פאר'ן רבש"ע, און דאס איז ממשיך אויפ'ן מענטש א מורא'דיגע קדושה וטהרה צו קענען ווייטער דינען דעם הייליגן באשעפער.

## ג

## וישמחו בך ישראל מקדשי שמך: נסיונות איז נישט קיין סיבה צו ווערן צעבראכן, נאר פונקט פארקערט!

### זיך פרייען מיט'ן 'לא תעשה' פונקט ווי מיט א 'מצוות עשה'

דער יצר הרע פארלייגט שטארקע כוחות אריינצוברענגען אין א מענטש א ביטערניש ווען ס'קומט צו שמירת עינים. ביי יעדן האט ער אנדערע מיטלען ווי אזוי אים צו ברענגען צו עצבות און צובראכנקייט, אלץ מיט'ן ציל אז דער מענטש זאל נאכלאזן פון זיין רצון און אז מ'זאל חלילה האבן א בליק אויף שמירת עינים ווי אן אומבא'טעמ'טע נושא.

פון די אלע מחשבות דארף מען זיך דערווייטערן כמטחוי קשת, און וויסן אז דאס איז עצת היצר. אדרבה, מ'דארף זיך שטארקן מיט א שמחה, און **זיך פרייען אז מ'האט די זכיה צו זיין א זעלנער פאר'ן הייליגן באַשעפער**, זיך צו ראנגלען מיט'ן יצר הרע און זיך שטארקן אויף די נסיונות, וואס דערפאר איז דאך א איד דא אויף דער וועלט.

דער הייליגער **בעל התניא**[ח] לערנט אונז שטארקע דברי הדרכה, אז אפילו ווען א מענטש האט ליידער אומווילנדיג געזען וואס מ'דארף נישט אדער ס'קומען אים אריין שלעכטע מחשבות, זאל ער נישט ווערן צובראכן דערפון. אדרבה, ער זאל שפירן א שמחה, און זיך פרייען מיט דעם וואס ער קען מקיים זיין א מצות לא תעשה פון די תורה, "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם", ווייל יעדעס מאל וואס ער האלט זיך צוריק פון קוקן אדער ער שטופט אוועק א שלעכטע מחשבה **איז ער פריש מקיים די מצוה!** דורכדעם אונטערדריקט ער די סטרא אחרא און שאפט גאר א גרויסן נחת רוח פאר'ן רבש"ע. דעריבער דארף ער זיך פרייען מיט דעם, פונקט ווי ער פריידט זיך מיט'ן מקיים זיין א מצות עשה וואס די תורה הייסט![ט]

### אונזער נפש 'מוז' האבן תענוג כדי צו קענען אנטלויפן פון עבירות

נאך מער זענען אונז מגלה די הייליגע תלמידי בעש"ט, אז אויב א איד איז נישט מחשיב זיין עבודה איז דאס א גרויסע סכנה פאר אים, ווייל דאס איז גורם אז ס'זאלן אים אנהייבן נאכלויפן אומריינע מחשבות רח"ל. אזוי ווי הרה"ק **רבי מענדעלע וויטעפסקער זי"ע** שרייבט אין א בריוו צו זיינע חסידים[י]:

*"א כלליות'דיגע תשובה אין עסק התורה והעבודה, וואס אסאך רעדן זיך אפ אז זיי האבן מחשבות זרות. די סיבה פון די אלע מחשבות איז וויבאלד מ'זוכט משיג צו זיין גרויסע עבודות און מ'איז נישט בשמחה מיט דער עבודה וואס מ'טוט. דאס איז א כלל גדול בתורה, אז **א מענטש דארף אויך זיין א שמח בחלקו אין עסק התורה והעבודה**, ער זאל זיך פרייען און הנאה האבן פון דעם וואס ער טוט. אבער אויב איז מען נישט בשמחה און מ'האט נישט הנאה, איז דאס א גורם צו תאוות רעות, וויבאלד די נפש זוכט הנאה צו האבן פון ערגעץ"*[יא].

דאס באדייט, אז בטבע זוכט יעדע נפש צו שעפן סיפוק און הנאה, ממילא אויב איז דער מענטש נישט מחשיב זיין עבודה און ער איז נישט צופרידן דערמיט, **באקומט זיין נפש נישט די הנאה וואס זי דארף האבן**, און דאן וועט זי זוכן אנדערע תענוגים צו ערפילן איר הנאה, וואס דאס ברענגט שלעכטע מחשבות רח"ל. דעריבער **מוז א איד זיין א שמח בחלקו 'אויך ברוחניות'!** ער זאל שעפן הנאה און תענוג אפילו פון די קליינע זאכן וואס ער טוט פאר'ן רבש"ע, און דאס וועט אים ארויסהעלפן זיך צו קענען האלטן הייליג און ריין.

---

**ו)** ענין זה, לרוק כאשר נתקלים במראה לא טהור, מובא כבר באבות דר' נתן (פט"ז) דר"ע עשה כן. ועיי"ש בכסא רחמים להחיד"א ובפתח עינים (נדרים דף נ') ובדבש לפי (ערך ק' אות ל"ט) בשם תלמידי האריז"ל, דזהו סגולה לבטל ההרהור, עיי"ש הטעם, וע"ע בספה"ק אור המאיר (פרשת חיי שרה) שזהו עצה היעוצה אחר שנכשל. והאדמו"ר מבאבוב זצ"ל כשסיפר מעשה זה הוסיף: "פארצייטנס ווען מ'האט געזען אן אשה האט מען געגעבן א שפיי".

**ז)** י"ג אורות ח"ב, מערכת ראזוואדוב.

**ח)** ליקוטי אמרים (פרק כ"ז), לענין מחשבות זרות הנופלים במחשבתו (עיין לשונו בהערה הבא), וכל שכן אם נכשל בראיה אסורה בטעות.

**ט)** זה לשון התניא: "אם העצבות אינה מדאגת עונות, אלא מהרהורים רעים ותאוות רעות שנופלות במחשבתו, הנה אם נופלות לו שלא בשעת העבודה אלא בעת עסקו בעסקיו ודרך ארץ וכהאי גוונא, אדרבה, יש לו לשמוח בחלקו, שאף שנופלות לו במחשבתו הוא מסיח דעתו מהן לקיים מה שנאמר ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם אשר אתם זונים אחריהם... וכשמסיח דעתו מקיים לאו זה, ואמרו רז"ל (מכות כג:, קדושין לט:) ישב ולא עבר עבירה נותנים לו שכר כאלו עשה מצוה, ועל כן צריך לשמוח בקיום הלאו כמו בקיום מצות עשה ממש".

ואח"כ מוסיף: "אדרבה, העצבות היא מגסות הרוח שאינו מכיר מקומו ועל כן ירע לבבו על שאינו במדרגת צדיק, שלצדיקים בודאי אין נופלים להם הרהורי שטות כאלו. כי אילו היה מכיר מקומו שהוא רחוק מאד ממדרגת צדיק, והלואי היה בינוני ולא רשע כל ימיו אפי' שעה אחת, הרי זאת היא מדת הבינונים ועבודתם, לכבוש היצר וההרהור העולה מהלב למוח ולהסיח דעתו לגמרי ממנו ולדחותו בשתי ידים כנ"ל. ובכל דחיה ודחיה שמדחהו ממחשבתו אתכפיא סטרא אחרא לתתא, ובאתערותא דלתתא אתערותא דלעילא, ואתכפיא סטרא אחרא דלעילא... וכמו שהפליג בזהר פ' תרומה (דף קכח) בגודל נחת רוח לפניו ית' כד אתכפיא סטרא אחרא לתתא... ולכן אל יפול לב אדם עליו ולא ירע לבבו מאד גם אם יהיה כן כל ימיו במלחמה זו, כי אולי לכך נברא וזאת עבודתו לאכפיא לסטרא אחרא תמיד", עכ"ל.

**י)** פרי הארץ (מכתב כ"ב).

**יא)** זה לשון המכתב: "תשובה כללית לידידי נפשי בעסק התורה והעבודה, אשר רבים צועקים על המחשבות זרות. והתהוות הסיבה היא הגדלות



**הרה"ק בעל יסוד העבודה פון סלאנים זצ"ל שרייבט אין א מכתב: "דער נפש פון א איד קומט פונעם 'עולם התענוג', אויב גיבט מען אים נישט קיין רוחניות'דיגע תענוגים, וועט זי בעל כרחה אריינפאלן אין גופניות'דיגע תענוגים ח"ו"**

## עצבות ברענגט נאר פרישע נסיונות

אזוי שרייבט אויך זיין תלמיד, דער הייליגער **בעל התניא**:[יב]

*א מענטש דארף זען צו זוכן עצות ווי אזוי פטור צו ווערן פון אלע עצבות וואס ער האט בנוגע עבודת ה'. נישט נאר צובראכנקייט וואס ער האט בשעת'ן דאווענען און לערנען, וואס דעמאלטס דארף מען זיין בשמחה ובטוב לבב, נאר אפילו איינער וואס ארבעט, אויב קומען אים אריין דאגות פון מילי דשמיא אינמיטן זיין ארבעט איז דאס זיכער א תחבולה פונעם יצר הרע, כדי אים אריינצוווארפן שפעטער אין תאוות רעות ח"ו. ווייל אויב קומט דאס באמת פון אהבת און יראת ה', ווי אזוי קומט עס צו אים יעצט אינמיטן ארבעטן?*

און דער בעל התניא פירט אויס, אז א מענטש דארף זיך קובע זיין א באזונדערע צייט ווען ער איז עוסק תשובה צו טון אויף זיינע חטאים מיט ישוב הדעת, אבער אין אלע אנדערע זמנים, און אפילו תיכף נאך דער באשטימטער צייט, דארף ער זיין בשמחה און גענצליך אפטון פון זיך יעדן סארט צובראכנקייט.

אזוי אויך אין אנדערע פלאץ שרייבט דער הייליגער תניא מיט מורא'דיגע ווערטער:[יג] "**כשהאדם בעצבות, נמשך אליו כל תאוות עולם הזה, כי העצבות היא עור הקליפה**" - עצבות איז ממשיך אויף א מענטש אלע תאוות עולם הזה.

הרה"ק בעל **יסוד העבודה** פון סלאנים זצ"ל שרייבט אין א מכתב:[יד] "**דער נפש פון א איד קומט פונעם 'עולם התענוג', אויב גיבט מען אים נישט קיין רוחניות'דיגע תענוגים, וועט זי בעל כרחה אריינפאלן אין גופניות'דיגע תענוגים ח"ו**".

ד

# לפום צערא אגרא: די ספעציעלע שמחה ווען מ'איז זוכה צו מקיים זיין "ולא תתורו"

## א מצוה וואס מ'איז מקיים אומצאליגע מאל

באמת דארף מען נישט זוכן קיין סאך איבער וואס זיך צו מתבונן זיין כדי צו משיג זיין אן אמת'ע גליקליכקייט און שמחה פון שמירת עינים. דאס אליין אז מ'האט די זכיה מקיים צו זיין א מצוה מן התורה, "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם", איז גענוג צו ברענגען אן אויסטערלישע גליקליכקייט פאר א איד, פונקט ווי מען פריידט זיך ביים מקיים זיין אלע אנדערע מצוות התורה אז מ'האט ב"ה געקענט טון דעם רצון ה'.

אבער דא קומט נאך צו נאך א גרעסערע סיבה פאר שמחה, ווייל אנדערש ווי ביי אנדערע מצוות, וואס קומען אונטער פאר'ן מענטש פון צייט צו צייט, איינמאל א יאר, אדער איינמאל אין אסאך יארן, איז היטן די אויגן **א מצוה וואס א איד קען מקיים זיין הונדערטער מאל אין טאג**. יעדעס מאל וואס ס'קומט אים אונטער עפעס און ער דרייט אוועק דעם קאפ איז דאס א באזונדערע מצוה.

## ס'איז שווער, אבער ס'לוינט זיך פילפאכיג

און ווער רעדט נאך ביי א מקום נסיון, ווען שמירת עינים קומט נישט אן לייכט, **שטייגט דאך די ווערד פון דער מצוה** פילפאכיג מער - לפום צערא אגרא!

און טאקע אט די שמחה של מצוה אליין וואס מ'לייגט צו, פארטאפלט דאס חשיבות און דעם שכר אויף דער מצוה לאין שיעור וערך, ווי דער **ארחות צדיקים**[טו] שרייבט, אז א מצוה וואס א איד טוט מיט שמחה איז **טויזנט מאל** מער ווי א מצוה אן שמחה. דאס הארץ דארף זיין איבערגליקליך וואס מ'האט די זכיה מקיים צו זיין אזא גרויסע מצוה אזויפיל מאל.

## אסאך מער מאל ווי סוכות און ד' מינים!

לאמיר זיך מתבונן זיין: וויפיל הכנות, געלט, און קאפ און מח לייגט א איד אריין צו מקיים זיין די מצוה פון ד' מינים אין סוכות מיט אלע הידורים?! און אז ער האט שוין דערלעבט צו שטיין דעם ערשטן טאג יו"ט מיט די פיר מינים אין האנט, **ווי גרויס איז זיין שמחה אז ער קען מקיים זיין דעם "ולקחתם לכם"** - אה, שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה, איך קען מקיים זיין א מצוה דאורייתא צו שאקלען לולב!

דאך איז די מצוה פון ד' מינים וואס מיר זענען מקיים בלויז איינמאל א יאר. צו דער זעלבער צייט איז שמירת עינים **די זעלבע מצוה מן התורה**, און דאס גייט אן **אגאנץ יאר!** יעדער רגע פון טאג! און דאס ריכטיג איינצוהאלטן **קומט אן אסאך שווערער ווי די מצוה פון ד' מינים!** אויב אזוי, ווי גרויס דארף אלזא זיין א איד'ס שמחה אויף דער געוואלדיגער זכיה וואס ער האט. וויפיל פרייד דארף אים אזא געהויבענע מצוה ברענגען!

## וואו נעמט מען די פעסט'ער גאסן!?

הרה"ק **רבי אהרן ראטה** זצ"ל, בעל שומרי אמונים, האט בימי חורפו געוואוינט אין דער שטאט פעסט, די הויפטשטאט פון אונגארן, וועלכע איז באקאנט געווען מיט אירע רוישיגע, אויסגעלאסענע גאסן.

יעדן אינדערפרי פלעגט דער צדיק גיין א לענגערן וועג איבער די גאסן פון שטאט כדי אנצוקומען אין מקוה וועלכע האט זיך געפינען ווייט פון וואו ער האט געוואוינט. פארשטייט זיך אז אויפ'ן וועג האט ער זיך געהיטן די אויגן נישט ארויסקוקנדיג פון זיינע ד' אמות, און דאס גיין צו דער מקוה איז געווען יעדן טאג אן עבודה פאר זיך, נישט נכשל צו ווערן אפילו בשוגג מיט קיין שום ראיה אסורה.

הרה"ק רבי אהרן האט אפטמאל ארומגערעדט איבער זיין עבודה מיט שמירת אין יענער תקופה און איבער די קדושה און די געוואלדיגע הארה וואס ער האט מרגיש געווען דורכ'ן הייליגן זיינע אויגן טאג טעגליך. ווי ער האט זיך אמאל אויסגעדרוקט: "די עבודה פון שמירת עינים מיט מסירת נפש ביים גיין און צוריקקומען פון מקוה, דאס האט גורם געווען אסאך מער טהרה ווי דער מקוה אליין!"[טז].

## אזויפיל השפעות טובות, קען מען דען נישט זיין פרייליך?

באזונדער דארף א איד אריינטראכטן וויפיל גוטע ברכות און השפעות ברוחניות ובגשמיות ער איז זוכה דורך שמירת עינים, אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

די הייליגע ווערטער פון חכמינו ז"ל און פון די צדיקי

---

שבהם, שאינם שמחים בעבודתם וכו'. כי הנה כלל גדול בתורה להיות שמח בחלקו גם בעסק התורה ועבודה אם מעט ואם הרבה ויהנה ממנו, משא"כ אם אינו נהנה ושמח, והנפש רוצה להנות, מתאוה תאוה".

יב) ליקוטי אמרים (פרק כ"ו).

יג) מאמרי אדמו"ר הזקן הקצרים (פ' שמיני ד"ה ויהי), וכ"כ בספה"ק מאור ושמש (פ' בהעלותך ד"ה ויהי), עיי"ש עוד.

יד) **יסוד העבודה** מכתבי קודש ז: "**נפש הישראלי היא מעולם התענוג, שאם לא יטעימנה מתענוגה הרוחני הוא שמחת העבודה, אם כן בעל כרחה תפול ותרד לתענוג הגופי ח"ו**". ועיין בספה"ק **ערבי נחל** (פ' שלח) שהשי"ת נתן בתוך האדם מדת התאוה כדי שבזה יוכל לעבוד את ה', "**ועל ידי רוב נחת ותענוג בעבודת ה' מתבטלת ממילא התעוררות תאות רעות**", עיי"ש.

טו) שער השמחה.

טז) עובדא דאהרן, פרק יג.

# וְהָיִיתָ אַךְ שָׂמֵחַ

**באזונדער דארף א איד אריינטראכטן וויפיל גוטע ברכות און השפעות ברוחניות ובגשמיות ער איז זוכה דורך שמירת עינים, אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.**

אמת מאורי הדורות זענען פול מיט גאר גרויסע הבטחות אויף איינעם וואס היט זיינע אויגן: ער וועט זוכה זיין צו **זען די שכינה הקדושה לעתיד לבא**, דאס וועט אים ברענגען א זעלטענע **הצלחה בתורה ובעבודה**, ער וועט זוכה זיין צו שפירן א **קירבת אלקים** און א **מתיקות אין עבודת ה'**, דאס איז אים א **שמירה פון אלעם שלעכטס**, ער ווערט **ניצול פון עין הרע**, ער וועט האבן א **שכל הישר אין אלע חלקי התורה**, ער וועט האבן **פרנסה בהרחבה**, ער וועט זוכה זיין צו **ערליכע און געזונטע קינדער**, דאס וועט אים ממשיך זיין **ישועות ורפואות**. וכהנה וכהנה, כל מיני **ברכות והשפעות**, ווי ס'ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים.

דאס אליין קען מעורר זיין א געוואלדיגע אינערליכע שמחה, ווען מ'איז זיך מתבונן אז יעדע מינדסטע זאך וואס א איד טוט פאר שמירת עינים, יעדעס מאל וואס ער האלט איין זיינע אויגן ווייל אזוי באפעלט אים די תורה, **עפנט ער מיט דעם די טויערן פון השפעות טובות בגשמיות וברוחניות**, און דאס איז פאר אים **א נצחיות'דיגע טובה בזה ובבא**. און דאס איז אויסער דעם וואס אפילו בגשמיות לעבט א מענטש אסאך רואיגער ווען ער היט זיינע אויגן.

# רַק חֲזַק וֶאֱמָץ:

## די ריכטיגע צוגאנג, בשעת מען געפינט זיך אויף א מקום נסיון

### בלויז טראכטן פאזיטיווע און אויפגעלייגטע מחשבות

פון די אלע הייליגע ווערטער פון צדיקי אמת לערנען מיר גאר א יסודות'דיגע הדרכה אין די עבודה פון שמירת עינים, אז ווען א מענטש דארף זיך געפינען אין אזעלכע מקומות וואס די נסיונות זענען גרויס און ער גייט מיט א זהירות, ער גיבט זיך אכטונג, **זאל זיין מחשבה בלויז לויפן איבער דער געוואלדיגער זכיה וואס ער האט אין יענע מאמענטן**, אז ער קען שאפן א נחת רוח פאר'ן הייליגן באשעפער, ער האט די מעגליכקייט צו טון דעם רצון ה', און ער זאל דערווייטערן פון זיך אלע מחשבות וואס צוקלאפן זיין גייסט און שטערן אים זיך צו שטארקן אויף די נסיונות.

און אפילו אויב ס'האבן זיך געמאכט פארשידענע דורכפעלער אינצווישן און דער מענטש הייבט אן קלערן אז ער איז שוין סיי ווי דורכגעפאלן, **פונדעסטוועגן זאל ער זיך שטארקן און זיך נישט לאזן פארפירן פון די אלע מחשבות.** נאר ער זאל ווייטער גיין מיט שמחה של מצוה, און א קבלת עול אז פון יעצט און ווייטער וועט ער זיך שטארקן און היטן די אויגן.

כל שכן אויב איז מען בלויז נכשל געווארן בטעות, זאל מען אוודאי זיך נישט לאזן ווערן געפאלן דורכדעם. ס'איז וויכטיג צו געדענקען וואס ס'ווערט מבואר אין די **פוסקים**[א], אז א ראיה אסורה וואס מ'זעט בטעות **איז נישט אין כלל פון "ולא תתורו אחרי עיניכם"**, וויבאלד מ'האט דאס נישט געזוכט צו זען, קומט אויס אז ער האט בכלל נישט עובר געווען קיין איסור, אפילו בשוגג.

די צובראכנקייט און שווערע געפילן **טוען בלויז אויף דאס פארקערטע.** דאס איז גורם אז דער מענטש זאל אריינפאלן אין פרישע נסיונות. דעריבער דארף מען נאר זיין בשמחה, און וויסן אז אדרבה, אין יענע מינוט וואס ער האלט זיך אפ פון קוקן ווייטער און ער היט זיין מחשבה איז ער מקיים א מצות לא תעשה וואס דער שכר דערויף איז גאר גרויס.

### א מקום נסיון איז א גאלדענע געלעגנהייט

אזוי אויך ווען צומאל שטעלט דער רבש"ע אריין א מענטש אין א מצב וואו ער איז כסדר ארומגענומען מיט נסיונות - צי ער וואוינט אין אן אויסגעלאסענער געגנט, צי ער דארף גיין לצורך פרנסה אויף גוי'אישע מקומות - שפירט אפטמאל דער מענטש ווי דער יצר האט געטראפן ביי אים א באקוועם ווינקל, און דאס איז אים גורם עצבות און צובראכנקייט.

א איד דארף אבער טוישן זיין בליק איבער די אלע נסיונות וואס ער האט. **די אלע שוועריגקייטן דארפן ווערן באגלייט מיט אן אינערליכער שמחה של מצוה**, אז מ'האט די זכיה צו זיין א סאלדאט אויפ'ן פראנט און ערפילן דעם תפקיד אויף וואס מען איז דא אויף דער וועלט, און דורכדעם איינקויפן צענדליגע און הונדערטער מצוות טאג טעגליך. ווייל יעדעס מאל וואס מען איז זיך מתגבר אויף א נסיון פון שמירת עינים איז מען מקיים נאכאמאל די מצוה דאורייתא "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם". דאס אליין דארף זיין גענוג צו ברענגען דעם איד צו א חשק און א רצון צו באזיגן דעם יצר הרע.

### אויב השי"ת האט מיך אהערגעשיקט, בין איך א דערהויבענער סאלדאט

פארשטייט זיך אז דאס איז אלעס נאכדעם וואס דער מענטש האט געטון וואס ער קען זיך צו באהיטן פונעם נסיון ווי ווייט מעגליך. אויב לייגט ער זיך אריין אינעם נסיון מיט די אייגענע הענט איז דאס אליין גאר א הארבע עבירה, ווי די גמרא זאגט[ב], **"לעולם אל יביא עצמו לידי נסיון"**, א מענטש טאר זיך נישט אריינברענגען אין א מצב פון א נסיון.

דעריבער אויב קומט אויס אז מ'דארף גיין אויף א פלאץ וואו מ'ווייסט אז ס'וועלן זיין דארט שוועריקייטן אין שמירת עינים, דארף מען זיך פון פריער מתבונן זיין צי ס'איז טאקע א הכרח אהינצוגיין, און אפילו אויב יא, דארף מען זיך מאכן א חשבון פון פריער וואס צו טון כדי זיך צו היטן דאס מערסטע וואס איז שייך. **מ'טאר חלילה נישט נאכלאזן פון די שמירה מיט'ן אויסרייד** אז מ'וועט האבן א געוואלדיגע זכיה ביים זיך צוריקהאלטן די לעצטע מינוט איידער'ן נכשל ווערן.

אבער נאכדעם וואס דער מענטש האט שוין געטון וואס ער האט געקענט זיך צו באהיטן פונעם נסיון, און מיט דעם אלעם האט אים דער רבש"ע צוגעפירט אז ער דארף אנקומען צו אזעלכע מקומות, **זאל ער זיך נישט מצער זיין אויף דעם**, נאר אדרבה, ער זאל זיך שלאגן מיט די נסיונות דאס מערסטע וואס ער קען, און **זיך פרייען מיט יעדן התגברות** אז ער האט די זכיה מקיים צו זיין א מצוה דאורייתא. **אהללה אלקי ואשמחה בו!**

**א)** דרך פקודיך (ל"ת ל"ה).

**ב)** סנהדרין קט.

# שואל מדעת

געגענטפערט דורך
די חשובע'ע מדריכים
פון "לב להאזין"

## א פלאטפארמע צו אנפרעגן יעדע שאלה אין שמירת עינים

### ברוך שהחיינו וקימנו!

צום נייעם יאר הבעל"ט איז אונז א זכות צו עפענען נאך א הערליכע רינגעלע אינערהאלב מערכת 'טהור עינים': א פרישער רובריק מיט'ן פאסיגן נאמען 'שואל מדעת', וואס וועט דינען ווי א פלאטפארמע פאר מבקשי ה', וועלכע וועלן דא קענען אנפרעגן אלע ערליי שאלות איבער שמירת עינים און אלעס ארום, וואס וועט בעז"ה געענטפערט ווערן בטוב טעם ודעת דורך די חשובע'ע משיבים פון דעם הייליגן מפעל 'לב להאזין'.

### מה ה' אלקיך שואל מעמך!

ס'איז שוין קרוב צו א יאר וואס 'לב להאזין' איז ב"ה כשמו כן הוא, א צוזאמארבעט פון אויסגערופענע מחנכים ומשפיעים, יראי ה' ובעלי דעת, וועלכע שטייען גרייט אלעמאל צו אויסהערן יעדן בחור אדער יונגערמאן וואס האט סיי וועלכע שוועריגקייט אדער ספיקות אין די ענינים פון שמירת עינים, און בפרט ווען מ'זוכט זיך איבערצושמועסן און באקומען קלארקייט און שטארקייט אין אלע סארט מצבים און אומשטענדן.

### שאל ויגדך זקניך ויאמרו לך!

'לב להאזין' ווערט באגלייט דורך לאנגיעריגע מדריכים מיט אסאך ערפארונג, און עס שטייט אונטער די בפיקוח פון הרה"ג ר' **חיים פייוויל שנעבאלג** שליט"א אבד"ק קהל אברכים, און הרה"ג ר' **מנחם פישער** שליט"א דומ"ץ קהל עדת יראים וויען, אזוי אז יעדער יחיד קען שפירן באקוועם און רואיג צו אריינרופן אנאנים דעם נומער, זיך איבערצושמועסן מיט די געטריייע משיבים וואס וועלן בסייעתא דשמיא אים ליכטיג מאכן מיט די נויטיגע עצה והדרכה דורכצוגיין די נסיונות הזמן.

### חיים שאל ממך!

אצינד וועט בעז"ה געגעבן ווערן די געלעגנהייט אז מ'קען אויך איבערלאזן שאלות אויפ'ן טהור עינים טעלעפאן ליניע, וואו די חשובע'ע משיבים פון 'לב להאזין' וועלן דאס אויסהערן און די תשובות וועלן פארעפנטליכט ווערן שריפטליך צווישן די שפאלטענס פון דעם גליון 'טהור עינים'.

### כי שאל נא!

ס'איז נישט קיין סוד אז זייער אסאך אידן דרייען זיך ארום מיט פראגעס וואס זיי שעמען זיך צו פרעגן, מיינענדיג אז "נאר איך האב אזעלכע שאלות"... ווען באמת איז דאס לגמרי נישט ריכטיג. ס'איז דאך פשוט א שאד זיך צו פלאגן מיט די צעמישטע מחשבות און ספיקות, בשעת וואס דער מציאות איז, אז יעדע זאך האט אן ענטפער. מ'קען פרעגן אלעס וואס דרוקט אויפ'ן הארץ, סיי אויב מען מיינט אז ס'איז א פשוט'ע אדער נארישע שאלה, און סיי אויב מ'מיינט אז ס'איז צו א שווערע שאלה. די הייליגע תורה און די ספרי מוסר וחסידות זענען אונזערע קלארע וועג ווייזער אין אלע סארט מצבים, און מ'קען פון דארט ארויסנעמען וויאזוי זיך צו פירן אלעמאל, אפגעזען ווי שווער ס'קוקט אויס אדער ווי פשוט ס'קוקט אויס. פרעגן דארף מען אלעמאל, און בסייעתא דשמיא וועט מען אנווייזן די ריכטיגע הדרכה.

### שאלו ותחי נפשכם!

פאלגנד שטעלן מיר אריין אין תשובה אויף א שאלה וועלכע איז אין דער פארגאנגענהייט אנגעפרעגט געווארן צו דער מערכת 'טהור עינים', און מיר האבן דאס איבערגעגעבן פאר די משיבים פון 'לב להאזין' צו ענטפערן. ומכאן הקריאה יוצאת פאר אידן וועלכע האבן סיי וועלכע שאלות אין אלערליי ענינים פון שמירת עינים, אז זיי קענען בעז"ה אריינרופן און איבערלאזן זייער פראגע, העכסט קאנפידענשאל, און די תשובה וועט בעז"ה פארעפנטליכט ווערן אין די קומענדיגע גליונות. ותשועה ברוב יועץ!

## וויאזוי ווייס איך אויב מיין תשובה איז גענוג?

### שאלה:

איך בין א יונגערמאן וואס אצינד פרוביר איך ב"ה צו זיין אפגעהיטן און ערליך מיט שמירת עינים. אבער אין דעם 'עבר' האב איך ליידער יא געהאט מכשולות. איך בין נישט זיכער צי כ'האב טאקע ריכטיג תשובה געטון ווי ס'דארף צו זיין.

מיין שאלה איז: וואס ליגט אויף מיר צו טון כדי אז כ'זאל טאקע זוכה זיין צו אמת'ע תשובה? און וויאזוי קען איך וויסן אויב כ'האב מתקן געווען די מכשולות וואס איז ליידער געווען, אפשר דארף איך נאך עוסק זיין אין מער תיקוני תשובה?

### תשובה:

טייערער שואל:

לאמיר גיין על ראשון ראשון, אויף די ערשטע פראגע, אויב דיין תשובה איז גענוג צו ווערן אנגערופן א ריכטיגע תשובה.

ס'איז זייער וויכטיג אז מיר זאלן האבן א קלארע בליק אויף די מורא'דיגע חשיבות פון 'תשובה', און אז דורך תשובה ווערט מען

אינגאנצן אנגענומען ביי השי"ת און מ'איז מתקן אלעס.

דער הייליגער רמב"ם פסק'נט אין הלכות תשובה (פרק ז', הלכה ד): **ואל ידמה אדם בעל תשובה שהוא מרוחק ממעלת הצדיקים מפני העונות והחטאות שעשה.** - דער בעל תשובה זאל נישט טראכטן אז ער איז ווייטער פון די מדריגה פון צדיקים, צוליב זיינע עבירות וואס ער האט געטון.

**אין הדבר כן, אלא אהוב ונחמד הוא לפני הבורא כאילו לא חטא מעולם.** - דער רמב"ם פסק'נט אז נאכדעם וואס מ'טוט תשובה איז מען באליבט פאר'ן בורא, כאילו מ'וואלט קיינמאל אין לעבן נישט געזינדיגט!

**ולא עוד אלא ששכרו הרבה.** - נאכמער, דער בעל תשובה באקומט נאך א גרעסערע שכר פון איינער וואס האט בכלל נישט געזינדיגט. **שהרי טעם טעם החטא ופירש ממנו וכבש יצרו.** - ווייל ער האט שוין געשפירט דעם טעם פון א חטא און ער האט זיך אפגעשיידט דערפון, דעריבער באקומט ער אסאך מער שכר. **אמרו חכמים, מקום שבעלי תשובה עומדין אין צדיקים גמורין יכולין לעמוד בו, כלומר מעלתן גדולה ממעלת אלו שלא חטאו מעולם, מפני שהן כובשים יצרם יותר מהם.** - דער איד וואס האט געטון תשובה, איז נאך גרעסער ווי א צדיק גמור וואס האט נאך קיינמאל נישט געזינדיגט, ווייל ער דארף זיך איינהאלטן דעם יצר הרע.

ווען מ'לערנט די הייליגע ווערטער פונעם רמב"ם, און מען דערהערט מען אביסל "וואס מיינט דאס תשובה", פאלט אויטאמאטיש אוועק די שווערע געפילן וואס דרוקט אויפ'ן געוויסן, כאילו אז מען שלעפט זיך נאך ארום מיט עפעס חטאים. דאס איז אן עצת היצר אראפצושלעפן א איד, אז ער זאל זיך שפירן צעבראכן ביי זיך! מ'דארף אבער וויסן דעם אמת אז אויב מ'האט תשובה געטון אויפ'ן עבר, און מ'האלט זיך אצינד שטארק מיט שמירת עינים, דעמאלט איז זיכער בלי ספק אז דער רבוש"ע האט אנגענומען דעם איד'ס תשובה, און מ'הייסט א צדיק גמור. **מ'דארף גארנישט צוריקטראכטן!**

לגבי דיין צווייטע שאלה, אז אפשר דארפסטו טון מער תיקונים, כדי צו זוכה זיין צו א ריכטיגע תשובה. איז גוט צו וויסן וואס דער הייליגער בני יששכר שמועסט אויס אין דער הקדמה פון ספר הק' **דרך פקודיך**, אז דער פסוק זאגט (ירמיהו ד, ג): **נירו לכם ניר ואל תזרעו אל הקוצים**, וואס די ספרים הק' ערקלערן אז דאס גייט ארויף אויף א בעל עבירה וואס לערנט תורה אדער טוט מצוות וואס דעמאלט ווערט די תורה ומצוות ח"ו פארקירעוועט צו נישט גוטע פלעצער.

זאגט אבער דער בני יששכר אז א מענטש זאל נישט טראכטן: "אויב אזוי, פארוואס זאל איך לערנען, כ'האב דאך געזינדיגט און כ'האב נאכנישט גענוג תשובה געטון". דער בני יששכר דרוקט זיך אויס בלשון קדשו: **"רוב ההמון טועים באיכות מצוות התשובה"**, רוב מענטשן מיינען בטעות אז די עיקר פון תשובה איז צו פאסטן און זיך מסגף זיין א.ד.ג. אבער **"תדע ידידי, שטעות גמור הוא"**, ווייל דער ענין פון תעניתים וסיגופים שטייט בכלל נישט אין דער תורה! תשובה איז בלויז חרטה, עזיבת החטא, און קבלה על העתיד. אויף דעם איז געזאגט געווארן דער פסוק "כי קרוב אליך הדבר מאוד". אפילו איינער האט עובר געווען אויף די ערגסטע עבירות פון כריתות ומיתות בית דין און ער האט תשובה געטון - ער האט געהאט חרטה, ער לאזט אפ די עבירה, און ער איז מקבל מער נישט צו זינדיגן - איז ער א בעל תשובה גמור! ער האט שוין נישט דעם טיטל 'רשע', און ער קען לערנען תורה און מקיים זיין מצוות.

דער בני יששכר ברענגט דארט דעם באקאנטן ראי' פון דער גמרא (קידושין מט, ב) אז **"המקדש אשה, על מנת שאני צדיק, אפילו רשע גמור מקודשת, שמא הרהר תשובה בדעתו"**. זעט מען דערפון קלאר, אז אויב א רשע גמור האט בלויז געהאט א ריכטיגע הרהור תשובה איז דאס שוין גענוג א גוטע תשובה, אז ער זאל ווערן אנגערופן א צדיק.

כלפי דער חלק פון 'תיקוני תשובה', ווערט געברענגט אין אלע ספרים הק', אז דער עיקר תיקון מאכט מען דורך יגיעת התורה. איבערהויפט פאר בחורים איז עס ממש די גרעסטע און שטארקסטע תיקון וואס טוט אלעס פאררעכטן, ווען מ'לייגט זיך אריין אין עסק התורה.

אזוי זאגט דער **של"ה הק'** (ראש השנה, פרק דרך חיים): **"שהתשובה העיקרית היא עסק התורה. נקרא התורה אור שהיא מאירה את האדם, היאך יעשה תשובה כדי שיתכפרו לו עוונותיו"**. דער עיקר תשובה איז לערנען תורה, און דערפאר ווערט די תורה אנגערופן "אור", ווייל די תורה באלייכט די אויגן פונעם מענטש ער זאל וויסן וויאזוי תשובה צו טון. דער של"ה הק' לייגט צו: **"אפילו הכי צריך שיקדים לו החרטה והתשובה קודם עסק התורה"** - אודאי דארף מען חרטה האבן בעפאר, אבער די עיקר תשובה איז לערנען תורה!

דאס זעלבע שטייט אין ראשית חכמה (שער הקדושה פ"ח אות מב) אז דער תיקון פאר דעם פגם העינים איז **"להסתכל בתורה"**. בפרט ווען מ'איז עולה ביי קריאת התורה און מ'קוקט אריין אין דער ספר תורה, אבער בכלל איז דא א געוואלדיגער תיקון ווען מ'קוקט און מען לערנט תורה.

נאך א געוואלדיגער תיקון תשובה, איז דאס וואס דו דערמאנסט אין דיין שאלה, אז יעצט ביסטו ב"ה זיך מתגבר, און דו פרובירסט שטארק צו היטן דיינע אויגן. אלע ספרים זאגן אז ווען א איד האלט זיך איין בשעת נסיון און ער היט זיך אפ זיינע אויגן, איז דאס אליין די גרעסטע תיקון! (זע מער באריכות איבער דער נקודה אינעם פריערדיגן גליון אינעם מאמר פון הרה"ג ר' דוד הרישלער שליט"א).

אזוי פסק'נט דער רמב"ם אין הלכות תשובה (פ"ב ה"ה): **אי זו היא תשובה גמורה? זה שבא לידו דבר שעבר בו, ואפשר בידו לעשותו, ופירש ולא עשה מפני התשובה, זהו בעל תשובה גמורה"**. און אזוי שטייט פון אלע קדמונים, אז ווען מ'האלט זיך צוריק פון אן עבירה איז דאס די גרעסטע תיקון אויף די פריערדיגע חטאים.

## א סך הכל אויף למעשה:

- תשובה באדייט אז מ'האט חרטה, מ'לאזט אפ די אלטע חטאים, און מ'טוט עס נישט ווייטער.
- אויב האט מען טאקע געטון די זאכן, דארף מען וויסן קלאר אז מ'האט ב"ה תשובה געטון! ס'איז זייער וויכטיג זיך אנצוקוקן גוט, זיך פרייען אז מ'האט זוכה געווען צו תשובה און וויסן מ'האט א דין פון א בעל תשובה גמור.
- די בעסטע 'תיקוני תשובה' אויף ווייטער, איז צו ליגן אין עסק התורה, ווי דער של"ה הק' און דער ראשית חכמה זאגן.
- אויך ווען מ'איז זיך ווייטער מתגבר צו האבן שמירת עינים איז דאס גאר א שטארקער תיקון וואס פאררעכט אלעס בעז"ה. אודאי דארף מען נישט זיין פארנומען צוריקטראכטן, און מ'זאל זיין פרייליך אז מ'האט זוכה געווען צו מקיים זיין מצות תשובה.

**צו פרעגן א שאלה, רופט טהור עינים 845.999.4114 עקס. 1-7 | צו רעדן פערזענליך צו א מדריך, רופט לב להאזין 718.672.2999**

# בְּצֵאת הַשָּׁנָה בְּאָסְפְּךָ אֶת מַעֲשֶׂיךָ

## א קורצע איבערבליק אויף שנת תשפ"ה

וְחַג הָאָסִיף תְּקוּפַת הַשָּׁנָה! איינס פון די נעמען וויאזוי דער יום טוב סוכות ווערט אנגערופן אין די פסוקי התורה, איז דער נאמען 'חג האסיף', וויבאלד דער יום טוב געפאלט אין דער פעריאד ווען מען נעמט צוזאם אלעס וואס מ'האט זיך געפלאגט דערויף במשך דעם גאנצן יאר. דערפאר איז דאס אויך א 'זמן שמחתינו', ווייל ווען מ'דערזעט זיך מיט דעם 'סך הכל' וויפיל מ'האט אלץ ערוייבט מיט'ן באשעפערס הילף, ברענגט דאס אמבעסטן ארויס א געוואלדיגע שמחה ביים מענטש, און ס'רייסט זיך ארויס א שבח והודאה להשי"ת אויף זיינע געוואלדיגע חסדים.

אויך אינערהאלב די מערכת 'טהור עינים' שפאנט מען אצינד ארויס פון אן אנגעפולטער געבענטשטער יאר, שנת תשפ"ה העעל"ט. א יאר ווען ס'איז ב"ה רעגלסמעסיג ערשינען די גייסטרייכע גליונות, מיט א שטארקן קביעות און מיט א פארשטארקערטע התחדשות אויף אלע געביטן, וואו דער ציבור האלט ב"ה מיט, אז די גליונות ווערן בסדר באררייכערט מיט מערערע קאלומס און ארטיקלען, גייענדיג מעלה מעלה מיט איר ציענדע אינהאלט, אינהאלטספולע מאמרים און תוכנ'דיגע אפטיילונגען, וואס איז מוסיף והולך מיט אסאך סייעתא דשמיא.

שטייענדיג ביי אזא מאמענט, ווען מ'טרעט אריין אין דעם ניינטן יאר פון 'טהור עינים', איז 'אין אנחנו מספיקין להודות לך ה' אלקינו', וואס געבט די גרויסע זכי', בלויז מיט'ן זכות פון ישראל קדושים און מיט'ן כח הרבים, אז מ'זאל קענען אנגיין און פאראויסגיין מיט אזויפיל הצלחה ועזר ממעל. און אויב אזוי, איז דאך נישט מער ווי פאסיג, ביי א געלעגנהייט פון 'חג האסיף', צו כאפן א שטיקל טיילווייזע איבערבליק צווישן די שפאלטענעס פונעם גליון, און זיך דערמאנען באטש אויפ'ן שפיץ גאפל די קאלומס און סעריעס וועלכע האבן מחי' געווען אידישע הערצער במשך די פארלאפענע 12 חדשים, און האבן אריינגעבלאזן אין אונז אלע הויפענעס פון חיזוק און התרוממות, כדי זיך צו שטארקן און שטייגן, לטהר ולהתקדש בקדושה של מעלה, כה יתן ה' וכה יוסיף.

**ראה הנני נותנים לפניכם ברכה, לייגט און האט הנאה!**



## 'קלארקייט' סעריע דורך הרה"ג ר' בערל טויבער שליט"א

דאס יאר תשפ"ה האט זיך אנגעהויבן מיט דער בארימטער 'קלארקייט' סעריע דורך הרה"ג רבי בערל טויבער שליט"א, וואו ס'איז טרעפליך אדרעסירט געווארן אקטועלע און אפט געפרעגטע שאלות וואס אידן פרעגן איבער אלע סארט ענינים פון שמירת עינים.

די מאמרים האבן צווישן אנדערע ארויסגעברענגט יסודות'דיגע כללים: זיך מתגבר צו זיין יעדע מינוט באזונדער אן קיין חשבונות פון א מינוט פריער / ווען מ'איז אנגעפולט אינערליך איז מען באשיצט פון אלע נסיונות / דער שומר עינים איז א גליקליכער מענטש מיט רואיגקייט און חירות / די נארישקייט פון זיין נייגעריג און וויאזוי זיך אפצוגעוואוינען דערפון / אפלאכן פון די נסיונות היצר און געדענקן אז ס'איז נארישע דמיונות / א.א.וו.

ווי הרה"ג רבי בערל שליט"א דרוקט זיך אויס, האט ער זעלבסט זיך נישט געראכטן אויף די אומגלויבליכע כוואליע פון גרוסן וואס מען האט צוריקגעהערט פון די מאמרים: "ס'איז מיר אויסגעקומען צו הערן טויזנטער! פידבעק מעסעדזשעס, פון דא און פון ארץ ישראל, ווי אזויפיל אידן האבן פשוט געטוישט זייער גאנצע לעבן פון גיין אין גאס אדער געשעפטן אדער אין אפיסעס, סיי יונגערע סיי עלטערע, סיי בעלי בתים און ארבעט אידן. אשרינו מה טוב חלקינו אז ס'איז דא אזא לעכטיגע אויסגאבע ווי 'טהור עינים' וואס ברענגט אזויפיל ריינקייט אויף דער וועלט".

## שמירת עינים ביי כ"ק אדמו"ר מהרי"י מסקולען זצ"ל

אין דעם שנת האבילות נאך דער פטירה פון כ"ק אדמו"ר מהרי"י מסקולען זצ"ל איז ערשינען א הערליכער מאמר, מיט לעכטיגע זכרונות פון נאנטע מקורבים, איבער זיין עבודה פון שמירת עינים מתוך שמחה. דער מאמר איז געווען באגלייט מיט זיסע מימרות פון דעם רבי'ן זצ"ל, וואס האט שטענדיג מעורר געווען אז שמירת עינים דארף זיין מיט א געוואלדיגע שמחה של מצוה און געפיל פון גליקליכקייט.

צווישן אנדערע האבן אסאך אידן גענומען התחזקות פון וואס ס'איז דערמאנט געווארן אין דעם ארטיקל אז דער סקולענער רבי פלעגט יעדעס יאר פסח, אנזאגן פאר די מסובים ביים סדר נאכט, אז ווען מ'מאכט די ברכה פון 'שהחיינו' זאל מען אויך אינזין האבן צו דאנקן דעם אויבערשטן פאר דער גרויסער מצוה פון שמירת עינים וואס גייט יעצט קומען אין די זומער חדשים.






## וואונדערליכע מעשיות פון 'יאמרו המושלים'

דער רובריק 'יאמרו המושלים' טראגט מיט זיך א ספעציעלע געשמאק. ביי גאר אסאך איז דאס די ערשטע אפטיילונג וואס זיי ליינען ביים אויפהייבן דעם גליון... הנאה האבנדיג פון די אינטערעסאנטע דערציילונגען וואס אידן פארציילן ערשטהאנטיג.

ספעציעל האט מען צוריקגעהערט פון די געשיכטע וואס הרה"ג ר' לוי יצחק האניג שליט"א דערציילט, איבער אן עלטערן בחור וואס האט מתפלל געווען צו קענען בלייבן אפגעהיטן במשך די צוויי וואכן וואס זיין ישיבה איז אוועקגעפארן, און ער האט ווירקליכע באקומען 17! באשטעלונגען צו מאכן זומער פראגראמען, וואס האט אים נישט געלאזט קיין מינוט איבריג צייט; די וואונדערליכע געשיכטע וואס הרה"ג רבי שמעון שפיצער שליט"א האט פארציילט ביים 'שבת הבינוני', איבער א יונגער אלמן וואס האט זיך אויסגעגאסן דאס הארץ ביים ציון פון חתם סופר און זינט דאן זענען זיינע נסיונות ווי פארשוואונדן געווארן; און די ערשטהאנטיגע געשיכטע פון הר"ר מרדכי יעקב סאאל הי"ו פון 'מושיס פענסינג', איבער דאס 9 יעריג יונגל וואס איז צוריקגעקומען צום לעבן שלא כדרך הטבע נאכ'ן זיך דערטרונקן ל"ע, אדאנק דעם וואס זיין גאנצע קאנטרי האט זיך צוריקגעהאלטן פון נוצן א סווימינג פול ביז ס'איז געווארן גענצליך פארראכטן כהלכה.

## העלדישע 'מי כעמך ישראל' אנעקדאטן

א גאר שטארקע אפקלאנג האט געהאט די המשך פונעם סעריע "מי כעמך ישראל" וואו מענטשן לאזן איבער הערליכע עפיזאדן וועלכע שרייען ארויס דאס שיינקייט פון אידישע קינדער וועלכע שטארקן זיך מיט שמירת עינים אין אלע אומשטענדן. א ספעציעלער חן האט געטראגן מיט זיך דער סיפור פון הר"ר יודל צימערמאן שליט"א איבער דער מילכיגער "סיום" אין די 9 טעג, וואס ער מיטגעהאלטן ביי זיינס א ידיד וועלכער האט מסיים געווען 1000 'קליקס' מיט זיין 'ציילער', וואס האט אפגעציילט יעדעס מאל וואס ער האט זיך צוריקגעהאלטן.



באזונדער האבן אסאך גענאסן א רוחניות'דיגע הנאה פון די געהויבענע שמירת עינים שטריכן געשילדערט דורך די קינדער פון החסיד הישיש ר' משה יעקב ראטטער ז"ל פון בני ברק, און אויך די מורא'דיגע עובדא וויאזוי הרה"צ רבי שמעון יושע באנדא ז"ל איז געבליבן שטיין יו"ט נאכמיטאג ביי א ווינקל פון דער גאס אין די גרעסטע היצן ביז אפיסת הכוחות, כדי נישט צו נכשל ווערן מיט א חשש ראי' אסורה.



## הערליכער קונטרס 'מגנא ומצלא'

לקראת די ימי האורה פון חנוכה איז די אידישע גאס באלאכטן געווארן מיט דעם קונטרס הנפלא "מגנא ומצלא". א זעלטן רייכע סעריע פון מאמרים וואס זענען בעבר פארעפנטליכט געווארן אין די גליונות, איבער דער אקטועלער נושא פון 'בראתי יצר הרע, בראתי לו תורה תבלין', הערליך אויסגעבויעט און ערקלערט מיט א געוואלדיגע קלארקייט לויט די יסודות פון די ספרים הק'.

דער קונטרס איז געווארן צעשפרייט אין טויזנטער עקזעמפלארן, און דער אפקלאנג דערפון איז געווען ממש אומגלויבליך. ס'איז איינפאך צעכאפט געווארן אין אלע בתי מדרשים און ישיבות, און מ'האט פון אלע ריכטונגען געבעטן נאך דערפון, עד כדי כך אז מ'האט פשוט נישט געקענט נאכקומען דעם פארלאנג. אומצאליגע אידן האבן פארציילט אז ס'האט זיי געברענגט א געוואלדיגע קלארקייט אין דער סוגיא, און אין עטליכע ישיבות האט מען אפילו קובע געווען א 'סדר הלימוד' אין דעם קונטרס און געמאכט בחינות דערויף פאר די תלמידים.

## 'תוספות תבלין' – נאך איבער די וואפן פון תורה

נאכ'ן ערשיינונג פון דעם קונטרס 'מגנא ומצלא' האבן אסאך אידן ארייגעשיקט תוכנ'פולע באמערקונגען מיט שיינע הוספות מפי ספרים וסופרים. ס'איז דעריבער באשטימט געווארן א באזונדערע אפטיילונג אין דעם גליון, מיט'ן פאסיגן נאמען 'תוספות תבלין', וואו במשך לענגערע חדשים זענען געפלאסן הערות והארות מיט רייכע אינהאלט, איבער די ריכטיגע וועג פון לימוד התורה וואס באשיצט פון דעם יצר הרע.

## מרבין בשמחה מתוך קדושה – 'אן אפגעהיטענע פורים'

ווי יאר יערליך, לקראת די ימי הפורים, איז ערשינען דער ספעציעלער גליון "אן אפגעהיטענער פורים" מיט מאמרים און פראקטישע עצות, און אזוי אויך הנהגות און תכסוסי מלחמה וואס אידן פארציילן פון זייער פערזענליכער ערפארונג, וויאזוי צו האלטן די אויגן ריין אין דעם הייליגן טאג, ווען מ'דרייט זיך מער אויף די גאסן. אין די נאכפאלגענדע טעג האט מען צוריקגעהערט פון גאר אסאך, אז דער גליון טראגט און הייבט זיי במשך דעם גאנצן טאג, צו פראווען א דערהויבענער פורים מיט שמירת עינים.



## 'ברכוש גדול' — דער מקור פון פרנסה

אן ערשטמאליגער חידוש איז געווען דער הערליכער פסח אויסגאבע, וואס האט געעפנט א נייע סעריע 'ברכוש גדול' מיט ערשטהאנטיגע 'געלט מעשיות', וויאזוי אידן זענען באשיינפערליך דאס וואס שטייט אין אלע ספרים הק', אז שמירת עינים איז דער מקור פון פרנסה און עפנט די טויערן פון שפע.

צווישן אנדערע איז געשילדערט געווארן די שטוינענדע געשיכטע פון א איד וועלכער איז געווארן פארפלאנטערט מיט גאר א שווערע קלאגע אין געריכט, אבער ער האט זיך אנטזאגט פון ווערן פארטרעטן דורך א לויערן ווייל דאס וואלט געווען א סתירה מיט זיין שמירת עינים, און קעגן אלע אויסזיכטן האט ער פולקאם געוואונען דאס געריכט, אן קיין שום אדוואקאט.

אידן בעלי דעת האבן געהאט א באזונדערע הנאה פון דעם 'דבר המערכת' וואו ס'איז אויסגעשמועסט געווארן דער ענין אויב ס'איז ריכטיג צו רעדן וועגן דעם שכר און די השפעות וואס מ'באקומט פון שמירת עינים, ווען למעשה דארף א איד זיין אלעמאל אפגעהיטן, אפילו ווען ס'קאסט א טייערן פרייז און מ'זעט נישט אויפ'ן פלאץ קיין רווחים.

## 'אן אפגעהיטענע נסיעה' מיט פרישע

שטייענדיג אין דעם 'חודש אייר' ווען אסאך מענטשן לאזן זיך ארויס אויף די פליגער רייזעס צו מקומות הק', איז ווידעראמאל פארעפנטליכט געווארן א גליון מיוחד 'אן אפגעהיטענער נסיעה'.

אייגנטליך איז שוין ב"ה גאר שטארק צעשפרייט געווארן דער אויפגעכאפטער האנט-בוך 'אן אפגעהיטענער נסיעה', וואס אנטהאלט אנגעפולטע פרקים מיט הדרכה און התחזקות, וואס האט שוין ליכטיג געמאכט פאר טויזנטער אידן דורכאויס זייערע נסיעות. אבער טאקע דערפאר שטראמען כסדר אריין פרישע מעשיות און עצות פון אידן וואס זענען נתעורר געווארן דערפון און האבן זיך געשטארקט אויף די וועגן מיט עצות ותחבולות.



דער גליון האט טאקע אנטהאלטן העכסט אינטערעסאנטע מעשיות און פרישע פראקטישע רעיונות, מיטגעטיילט דורך רייזנדע, וויאזוי מ'קען פארן אויף נסיעות מיט הייליגע אויגן בעז"ה.

## 'אן אפגעהיטענער זומער'

לקראת די ווארימע זומער חדשים איז ערשינען די אויפגעכאפטע סעריע פון 4 רייכע גליונות אנגעפולט מיט אינהאלט, פאר א געשמאקערע, הייליגערע, אנגענעמערע זומער.

די גולת הכותרת פון די גליונות זענען בלי ספק געווען די ספעציעלע חיזוק מאמרים דורך הרה"ג רבי בערל טויבער שליט"א, מיט יסודות נפלאים וויאזוי אנצוקוקן די גאנצע עבודה פון שמירת עינים. אין די מאמרים איז ארויסגעברענגט געווארן אז ווען א איד פארמאכט זיך די אויגן, ערפילט ער די גאנצע תכלית הבריאה און די תכלית פון קבלת התורה; די גרעסטע תענוג פאר השי"ת איז דוקא ווען ס'קומט אן שווער; יעדע נסיון הייבט אונז העכער און נאנטער; א.א.וו.

אזוי אויך זענען די גליונות געווען באריכטערט מיט געוואלדיגע עצות און אויפפאסונגען פון ישראל קדושים, אין א בחינה פון 'איש את רעהו יעזרו ולאחיו יאמר חזק'.



## בחורים זומער פראגראם

דער פארלאפענער זומער תשפ"ה האט געגעבן א נייעם אפטייטשט אין דעם מאמר חז"ל: "הדודאים נתנו ריח - אלו בחורי ישראל שלא טעמו טעם חטא", מיט דער רירנדער אנשליסונג פון שווערע הונדערטער בחורי חמד דורכאויס אלע היימישע געגנטער, אינערהאלב דעם ריזיגן 'בחורים זומער קאמפיין', וועלכע האבן זיך פרייוויליג אונטערגענומען קבלות טובות צו גיין א שטאפל העכער אין שמירת עינים.

אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין! אין דעם יעצטיגן ירח האתנים קומט ארויף אין הימל אזא לעכטיגער געשאנק פון אריבער 'פינף טויזנט קבלה טעג'! מיט אויסגעפולטע קבלות פון בחורים. דער פראגראם זעצט אויך ווייטער פאר אין די יעצטיגע בין הזמנים טעג מיט'ן פולסטן פראכט.



## מזכה קאמפיין

אין די 'חדשי העינים' פון תמוז-אב איז אפגעראכטן געווארן דער יערליכער קאמפיין פון טהור עינים אויף א ברייטן פארנעם, און דער קידוש ה' איז געווען אויסטערליש, ווען אידן פון אלע שיכטן זענען אנטקעגן געקומען מיט ווארימע הערצער זיך אנצושליסן אלס 'מזכים' און ערווייכן די אייביגע זכותים בזה ובבא.

מיר ווייסן דאך אז יעדע מצוה דארף מען טון "בשם כל ישראל", ווייל דעמאלט פארמאגט די מצוה אסאך א שטארקערן כח. ווען ס'קומט צו די הייליגע פעולות וואס זענען מזכה רבבות אידישע קינדער מיט שמירת עינים, ווערט דאס געטון נישט בלויז במחשבה 'בשם כל ישראל', נאר ס'איז בפועל ממש 'בשם כל ישראל', ווען אזויפיל טויזנטער אידן נעמען אן אקטיוון טייל בממון צו פינאנצירן און ערמעגליכן דעם קידוש שם שמים.

אייגנטליך איז דאס טאקע דער סוד פון דער גרויסער הצלחה וואס איז קענטיג אויף טריט און שריט, וויאזוי די גליונות האבן אזא מאכטפולע השפעה אויף אידן אומעטום. דאס אלעס איז בלויז צו פארדאנקן דעם זכות הרבים. 'טהור עינים' איז נישט קיין כח היחיד, ס'איז פשוט דער כח פון כלל ישראל וואס העלפט כלל ישראל!

## "איך בין נישט קיין דורכפאל" סעריע





דאס יאר תשפ"ה האט זיך געענדיגט מיט א קורצע אבער דורכדרינגליכע סעריע מאמרים דורך הרה"ג רבי דוד הירשלער שליט"א, איבער דעם ריכטיגן צוגאנג פון תשובה אויך נאכדעם וואס מ'איז חלילה דורכגעפאלן. די מאמרים זענען געווען א מיעוט המחזיק את המרובה מיט פינף שטארקע יסודות וואס האט אריינגעבלאזן הויפענעס פון חיזוק והתעוררות: 1 - דעם שוואכסטן איד'ס התגברות איז פונקט אזוי חשוב ווי דעם גרעסטן צדיק'ס התגברות; -2 יעדער איד באקומט די כוחות און די סייעתא דשמיא צו געווינען דעם קאמף; -3 אפילו די קלענסטע התגברות איז אן אייביגע הצלחה; 4 – דער 'עבר' פאררעכט דעם גאנצן 'עתיד'. -5 נאך א מכשול פאדערט זיך צו מאכן פרישע גדרים וסייגים.

## דער וואונדער- ספר 'תנה

## בני' ערשיינט לאור עולם

צום נייעם יאר איז אויפגענומען געווארן מיט פרייד די לאנג-ערווארטעטע ערשיינונג פון דעם ספר 'תנה בני', וואס פירט אריין די ליינער אין א ליכטיגע וועלט פון שמירת עינים, מיט א געשמאק און התרוממות. דער ספר אנטהאלט אן אוצר פון הונדערטער געקליבענע מעשיות אויף שמירת עינים, געשריבן אויף א זעלטן געשמאקע און קלארע שפראך געאייגנט פאר יעדן עלטער, און גאר פאסיג צו דערציילן פאר די קינדער ביים שבת טיש.

דער ספר איז דא צו באקומען אין אלע ספרים געשעפטן און אין די קורצע צייט זינט איר ערשיינונג ווערט עס ב"ה צעכאפט פון די פאליצעס, דורך אידן פון אלע יארגענג וואס שפירן עס פאר א זכי' להניח ברכה בתוך ביתם.

## מוסיפין והולכין בקודש אלה וכאלה יוסף עמנו!

אריינטרענדיג אין דעם ניינטן יאר פון 'טהור עינים', הייבט זיך אויף די הענט מיט א שבח והודאה אויף אלעס וואס מ'האט ב"ה עררייכט ביז אהער צו מזכה זיין אידישע קינדער, און גלייכצייטיג בעט זיך פון הארצן טיפן א תפלה אז די זעלבע סייעתא דשמיא וואס האט אונז געהאלפן ביז אהער זאל אונז העלפן ווייטער ביתר שאת וביתר עוז, צו פארזעצן די הייליגע שליחות מחיל אל חיל, ויהי רצון אז ס'זאל זיין תשרה שכינה במעשי ידינו, צו ברענגען פאר רבבות אלפי ישראל התעוררות און התחזקות צו דערהויבן ווערן העכער בקדושתן וטהרתן של ישראל, עד ביאת הגואל בב"א.

בס"ד וועט פארקומען

**100 גורלות**

**אויפ'ן רייכן ספר "תנה בני"**



**פאר אלע בחורים וואס האבן/גייען מיטהאלטן דעם פראגראם פאר כאטש איין וואך פון אנהייב זומער ביז'ן סוף פונעם פונעם פראגראם, זונטאג נח.**

אויב האסטו מיטגעהאלטן דעם פראגראם פאר איין וואך,
**רוף אריין טהור עינים**
**845.999.4114**
8-7 פון די מעין מעניו

**100**
**סעט'ס ד' מינים**



**בס"ד האט מען געמאכט דעם גרויסן גורל אויף 100 ד' מינים סעט'ס, און מיר האבן תיכף ארויסגעשיקט אלע קארטלעך פאר די געווינער'ס**

*א פריילעכן יום טוב*

**געווינערס**

**פרשת ניצבים**
הבה"ח **שמעון ישראלי** נ"י
ארץ ישראל
ישיבת דאראג בני ברק
זכות השבוע נתנדב ע"י הר"ר **משה שטעסל** הי"ו

**פרשת וילך**
הבה"ח **יצחק פסח מייזנער** נ"י
מאנטריאל
לומד בישיבת בעזלזא
זכות השבוע נתנדב ע"י הר"ר **אברהם לייב לאנדא** הי"ו

**טייערע בחור! יעצט בין הזמנים אין די פאסיגע צייט דו זאלסט זיך מיטכאפן מיט דעם הערליכן פראגראם, און שפירן דעם זיסן טעם פון שמירת עינים!**

הער אלע פרטים פונעם פראגראם

**845 999 4114**

דערנאך דרוקט
עקס. 1 ← 8

**דער פראגראם וועט אנגיין ביז "שבת בראשית"**

# על הטוב יזכר

### זכות 2000 גליונות

הרה"ח ר' **ישראל יעקב מענדלאוויטש** הי"ו
לרגל **הולדת בתו** למז"ט

### זכות מזכה

הר"ר **שאול בראך** הי"ו

### זכות 1000 גליונות

הר"ר **חיים בצלאל בלום** הי"ו • הר"ר **אהרן משה מרדכי פריעד** הי"ו • הר"ר **אלימלך לאנדא** הי"ו • לע"נ הר"ר **ישכר דוב** בן הר"ר **יעקב נפתלי** ע"ה • הר"ר **אברהם יוסף שטעסל** הי"ו - לרגל **הולדת בנו** למז"ט • הר"ר **יעקב פרץ גאלדשטיין** הי"ו - לרגל **נישואי בנו** למז"ט • הר"ר **יושע מאשקאוויטש** הי"ו • הרה"ח ר' **אברהם ישי בערקאוויטש** הי"ו - לע"נ הר"ר **יושע אהרן** בן הר"ר **יעקב אליעזר** ע"ה • הר"ר **אברהם יושע פריעדמאן** הי"ו - לרגל **הולדת בתו** למז"ט • הר"ר **יושע הערש פריעדמאן** הי"ו - לרגל **הולדת בתו** למז"ט • הר"ר **גדלי' וויינבערגער** שליט"א - לרגל **הולדת בתו** למז"ט • הר"ר **יצחק מרדכי דאווידזאהן** הי"ו - לרגל **הולדת בתו** למז"ט • הר"ר **נפתלי זאב כ"ץ** הי"ו - לרגל **הולדת בתו** למז"ט • לזכות **הנדבן** הי"ו - לרגל **נישואי בתו** למז"ט

**זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימינם שיזכו לראות רב נחת מיוצאי חלציהם ויתברך בכל מילי דמיטב אמן.**

### התודה והברכה

בעמדינו כעת פרוס חג הסוכות נבוא בברכה מיוחדת אל מול האי גברא יקירא העומד לימינינו בכל עת ובכל זמן

## הר"ר ישכר דוב ביקעל הי"ו

### לרגל השמחה הגדולה בהולדת בתו

**ובהאי שעתא נביע תודה על שנדב בחפץ לב 100 סעט'ס ד' מינים מהודרים לכבוד הבחורים החשובים שקיבלו קבלות על שמירת עינים במשך ימי הקיץ**

פיטום

זכות זיכוי הרבים יעמוד לו להתברך בכל מילי דמיטב ולרב נחת דקדושה מכל יו"ח

### מזלא טבא

לכבוד ידידינו היקר
הרה"ח ר' **יואל עפשטיין** הי"ו
פטרון טהור עינים - חודש אדר
**לרגל הולדת נכדתו למז"ט**

~ ~ ~

לכבוד ידידינו היקר
הר"ר **יואל בר"י מיטעלמאן** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל הכנסת בנו לעול התוה"מ**

~ ~ ~

לכבוד ידידינו היקר
הר"ר **יואל קויפמאן** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל הולדת בתו למז"ט**

~ ~ ~

לכבוד ידידינו היקר
הר"ר **יואל ברמ"י פאלקאוויטש** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל הולדת בתו למז"ט**

### זכות עמוד בגליון

הרה"ג ר' **יואל גאטליעב** שליט"א

לזכות בריאות השלימות לו ולכל משפחתו ולגמר חתימה טובה
ולע"נ רבינו חיים זאנוויל ב"ר משה מריבניץ ולזכות הרה"ק ר' לוי יצחק בן שרה סאשה
ויזכה לראות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציו


טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

**845.999.4114**

נאכן דריקן 1 פאר אידיש

1 נדבה ליין
2 איבערגעבן א מעשה, עצה, געדאנק
3 ארויסצוהעלפן מיט די הפצה
4 אויפסיינען אויף אימעיל
9 מערכת אפטיילונג

7 Beer Sheva #301 Monroe NY 10950
info@tahoreineyim.org

המערכת בלשה"ק **077.401.6591**
כתובת המערכת בלשה"ק: עבודת ישראל 26, ירושלים 9515528

המערכת בענגליש: **732.532.2242**

המערכת בספאניש: **054.115.219.8810**

לכל עניני הגליון בענגלאנד, נא לפנות אל **07421307356**

אויב זענט איר גרייט צו העלפן מיט'ן פארשפרייטן די גליונות אין אייער ביהמ"ד/כולל/ישיבה א.ד.ג., רופט אריין
**#1-3 845.999.4114**

בס"ד

# שמירת עינים אין גענשמאק!

דער ספר וועט אייך אריינפירן, אין א וועלט פון לעבן מיט שמירת עינים, מיט א געשמאק און דערהויבנקייט!




דער וואונדער ספר

- א רייכע אוצר פון הונדערטער, הערליכע מעשיות אויף שמירת עינים
- בלויז געקליבענע מעשיות, געאייגנט פאר יעדן עלטער
- גאר פאסיג צו דערציילן פאר די קינדער ביים שבת טיש
- געשריבן אויף א זעלטן געשמאקע און קלארע שפראך

NUAH 845.513.0001

טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

## צו באקומען אין אלע געשעפטן

און גרעסערע מקווה שטיבלעך

צו באשטעלן מערערע ספרים רופט 802.327.3592